# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

**תזריע-מצורע, א' אייר תש"פ לפ"ק**
**שנה א' גליון כ"ט**


**זמנים**
(Liberty)

הדלקת הנרות.......................7:31
מוצאי שבת קודש...................9:03

## א מעשה פון תפלה

### ראש ישיבה שליט"א

א. איין אינדערפרי ווען איך בין אויפגעשטאנען האב איך אויפגעכאפט ביי מיר אז איך קען נישט געהעריג שמעקן, גלייך האב איך אנגעהויבן אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מען חוש הריח זאל צוריק קומען ווי געהעריג, ווייל מען הערט ביי אסאך מענטשן אז עס נעמט זיי אפאר וואכן עס זאל צוריק קומען, און שכח אייבערשטער אז די נעקסטע טאג האב איך שוין געקענט געהעריג שמעקן אזוי ווי פאר דעם.

ב. הארט פאר יום טוב פסח האט מיין ווייב געהאט גאר שטארקע ציין ווייטאג, אזוי ווי יעצט איז נישט אפען קיין איין ציין דאקטער - בלייבט נאר איבער איין זאך צוטוהן דאס איז תפלה, מען האט אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז די ציין ווייטאג זאל אוועק גיין, און שכח אייבערשטער אז די ווייטאג איז אוועקגעגאנגען און מען האט געקענט האבן גאר א פרייליכן יום טוב פסח ברוך השם.

### הערשל שניטצלער

איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען האבן א קאר אזוי ווי מיין פריערדיגע קאר ארבעט שוין נישט, און שכח אייבערשטער אז איך האב געטראפן איינער וואס האט מיר איבערגעגעבן זיין קאר פאר ביז ווען זיין ליעס ענדיגט זיך.

## נייעס אין שטעטל

### צווייטע טעג פסח אין שטעטל

גאר דערהויבן איז פאראיבער די צווייטע טעג פסח אין שטעטל צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א. אנגעהויבן שביעי של פסח ביינאכט ווען מען האט געהאט די זכיה אז דער ראש ישיבה האט געדאווענט גאר א ווארימע מעריב פאר'ן עמוד, נאכ'ן דאווענען איז מען ארויס אין א טאנץ לכבוד שביעי של פסח, דערנאך האט מען אויסגערופן אז אונזער חסידות באשטייט נישט פון קיין טישן און צאמקומען, במילא זאל יעדער איינער טאנצן די שירה ביי זיך אינדערהיים מיט די ווייב און קינדער [ובפרט יעצט ווען מען קען זיך סייווי נישט צאמקומען וועגן די געזעץ לאזט נישט].

אינדערפרי האט מען געדאווענט א ווארימע דאווענען, מען האט געהאט די זכיה אז דער ראש ישיבה שליט"א האט געדאווענט שחרית פאר'ן עמוד – וואס דאס אליין האט שוין געמאכט דעם יום טוב ביי יעדן איינעם.

ביינאכט צווישן מנחה מעריב האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט אפאר ווערטער די ענין פארוואס מען מישט זיך שוין אחרון של פסח – צו ווייזן אז נאכן דורכגיין דעם יום טוב פסח קומט מען צו צו אזא מדריגה אז מען קען שוין פארנעמען יעדן איד און מען הייבט אן ליב האבן יעדן איד, דערפאר מישט מען זיך מיט יעדן איינעם, אויך האט מען פארציילט חלק א' פון די מעשה פון בעל שם טוב וויאזוי ער איז געווארן געראטעוועט אויפן וועג צו ארץ ישראל.

צווייטן טאג ביי שחרית האט מען אויך געהאט די זכיה אז דער ראש ישיבה שליט"א האט געדאווענט פאר'ן עמוד. נאכ'ן דאווענען איז געווען א גרויסע קידוש, מען האט פארגעלערנט סיפורי מעשיות מעשה י"ב פון דער בעל תפלה וואס ער פלעגט חוזק מאכן פון געלט, און ער פלעגט ארום גיין זאגן פאר מענטשן אז דער עיקר תכלית איז נאר צו דינען דעם אייבערשטן, דערנאך האט מען פארציילט חלק ב' פון די מעשה הבעל שם טוב.

נאכמיטאג איז פארגעקומען א נעילת החג סעודה – סעודת הבעל שם טוב אדער וויאזוי אנדערע רופן עס משיח'ס סעודה, דאס איז צוליב די נס וואס איז געוועןביים הייליג'ן בעל שם טוב, ווי ער איז געווארן געראטעוועט אויפ'ן וועג צו ארץ ישראל ווי ער איז געפארן זיך צו טרעפן מיטן אור החיים הקדוש צו ברענגן משיח, אבער עס איז נאך נישט געווען די צייט, און מען האט געענדיגט פארציילן די גאנצע מעשה.

**לשנה הבאה בירושלים**

## מודעה

דף גמרא שיעור... ביים זמן הדלקת נרות
מנחה ערב שבת..... 15 מינוט נאכ'ן זמן
שחרית שבת קודש .............. 9:30
דף גמרא שיעור... ביים זמן הדלקת נרות
מנחה ושל"ס........ 15 מינוט נאכ'ן זמן

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט״א

**בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פ׳ טהרה, ה׳ אייר, כ׳ לעומר, שנת תשע״ח לפ״ק**

לכבוד ... נרו יאיר

איך האב ערהאלטן דיינע בריוו.

זיי מיר מוחל אז איך שרייב דיר נישט צוריק; זיי מיר דן לכף זכות, איך קום פשוט נישט אן צו ענטפערן נאר א קליין חלק.

בעזר השם וועלן מיר שוין זיין דאס יאר אינעם בנין החדש אין אומאן וואו מיר וועלן האבן אן אפגעהיטענעם פלאץ פאר אונזערע קינדער.

די פלאץ פונעם נייעם בנין איז אינדרויסן פונעם גאנצן הָא הַא; איך בין געווען פאריאר ערב ראש השנה ביים גיסן דעם פאדאמענט, בשעת מיר זענען דארט געווען האבן מיר געדארפט טראכטן צי מיר זענען אין אומאן, ווייל מען האט נישט געהערט און געזען קיין שום רעש וכו׳, דארט וועט מען קענען האלטן די קינדער ריין און הייליג.

היות אין היכל הקודש פאלגט מען דעם רבי׳ן אן קיין דריידלעך, און אז דער רבי האט געהייסן קומען קיין אומאן אויף ראש השנה, קומען מיר מיט אונזערע קינדער; אזוי ווי משה רבינו האט געזאגט (שמות י, ט): ״בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ נֵלֵךְ, בְּבָנֵינוּ וגו׳״. איז די פאר טעג פאר ראש השנה וועט זיין געהעריג חדר פאר אלע קינדער, אונזערע קינדער וועלן נישט וויסן וואס ״פושקענע״ מיינט; מיר וועלן אויפברענגען אונזערע קינדער ריין און הייליג.

זייער גוט אז דו האסט געמאכט דיין טיקעט צוויי טעג פריער אז דו זאלסט קענען מסדר זיין די בעטן וכו׳ מיט די עסן וכו׳ אז אלעס זאל זיין על צד היותר טוב; איך האב געבעטן מיין זון ... נרו יאיר ער זאל מיט גיין מיט דיר. נעם מיט נאך אפאר בחורים וואס זאלן דיר העלפן אנגרייטן.

בנוגע וואס דו טראכסט צי איך דארף דיר יא צי נישט וכו׳; איך טראכט זייער אסאך מאל צו מיר: ווי אזוי האט דער ליובאוויטשער רבי זכותו יגן עלינו מצליח געווען אויפצושטעלן גענעראלן שלוחים וואס זענען אזוי זעלבסטשטענדיג? זיי האבן נישט געדארפט יעדן טאג דעם בת קול וואס אבא אומנא האט באקומען (עיין מסכת תענית כא:); זיי איז גענוג געווען איינמאל א יאר צו הערן פון זייער רבי איין ווארט: ״**זאלסט ממשיך זיין ביתר שאת וביתר עוז**״; דאס האט זיי געגעבן כח צו קענען זיצן א גאנץ יאר מיט א ווייב און קינדער פארווארפן אין א שטאט וואו עס געפונען זיך נישט קיין אידן, צומאל אן קיין כשר׳ע עסן און זיי האבן זיך אליינס געדארפט באזארגן מיט אלעס. אין אזעלכע אומשטענדן האבן זיי געהאט די אויפגאבע צו זוכן ווי מען קען מזכה זיין א איד מיט מצות תפילין, מזכה זיין א איד מיט שמירת שבת און נאך.

טראכט איך שטענדיג צו מיר: ״ווי אזוי קען איך דאס פועל׳ן אז מיר תלמידי היכל הקודש זאלן זיין ביי זיך אייזן פעסט, פעלזן פעסט, צו טון אונזער שליחות וואס מיר האבן צו טון; **פארשפרייטן די אמונה אויף די גאנצע וועלט אן דעם וואס מען וועט באקומען א גלעט יעדן טאג**״, ביז דערוויייל זע איך אז אויב איך פארגעס איין טאג צו געבן א שמייכל פאר א תלמיד איז ער שוין צעבראכן ביי זיך אויף פיצלעך; ער האט שוין ספיקות צי ער זאל ממשיך זיין מיט זיין עבודת הקודש.

געלויבט דעם אייבערשטן אז ער האט מיר געגעבן אייזערנע כוחות צו טון מיין ארבעט אן דעם וואס איך זאל באקומען דעם בת קול: ״שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבָּא אוּמְנָא״; איך האב געעפענט דעם חדר אסרו חג פסח שנת תש״ע, קיינער האט מיר נישט געזאגט ״שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבָּא אוּמְנָא״, ניטאמאל איין מאל א וואך האב איך באקומען א בת קול ווי אביי וואס פלעגט כאטש באקומען יעדן ערב שבת דעם באגריסונג: ״שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבַּיֵי״; אפשר אויב עס איז געווען א גוטע יאר האב איך זוכה געווען צו באקומען פון מוהרא״ש א בת קול ווי רבא וואס האט באקומען איין מאל א יאר: ״שָׁלוֹם עָלֶיךָ רָבָא״.

ווען איך פלעג אריין גיין צו מוהרא״ש יעדן דאנערשטאג נאכט נאכן שיעור האט מוהרא״ש מיר נישט געגלעט וכו׳; **איך האב געקוקט אויף מוהרא״ש און דאס איז מיר געווען גענוג. איך בין נישט געקומען צו מוהרא״ש ער זאל שמייכלען צו מיר**, איך האב נישט געזוכט א רבי וואס זאל מיר ווייזן זיינע ווייסע ציין; איך האב געזוכט א רבי וואס קען מיר העלפן אז איך זאל לעבן מיטן אייבערשטן, און ווען איך האב דאס געטראפן האב איך פארשטאנען אז דאס איז עס, (תהלים קלב, יד): ״פֹּה אֵשֵׁב כִּי אִוִּתִיהָ; מיר האבן גלייך געעפענט די ישיבה, חדר, מיידל שולע וכו׳ וכו׳ און די וואך האבן מיר געעפענט א כולל - אן דעם וואס איינער זאל מיר ווייזן זיינע ציינער. דאס איז חוץ דעם וואס איך האב באקומען אנדערע קולות, נישט קיין בת קול נאר (שמות לב, יח): ״קוֹל עַנּוֹת אָנֹכִי שֹׁמֵעַ״, אזוי ווי רש״י זאגט דארט: ״קול חֵרוּפִין וְגִדּוּפִין וְכוּ׳״; דאס האב איך געהאט זיך אנצוהערן אלע יארן מבית ומחוץ.

**די אלע וואס זענען מחזק אידישע קינדער זענען פול מיט בלבולים צי מען דארף זיי יא אדער מען דארף זיי נישט; די אלע וואס רעדן דרשות פון אמונה אדער שרייבן ספרים פון אמונה, חיזוק, יראת שמים, זיי ברענגען אריין ריינקייט אין אידישע קינדער, די זענען פול מיט ספיקות: ׳ווער דארף מיר?׳, ׳וואס פעלט עס אויס?׳ ׳יעדער ווייסט שוין׳**; אינטערסאנט איז אבער אז עס קומען ארויס יעדן טאג אלפים טריף פסול און קיינער פון זיי האט נישט קיין שום ספק צי עס פעלט אויס ארויס צו געבן נאך א שמוץ מאגאזין, נאך א מאווי, זיי טראכטן נישט: ׳ווער דארף עס?׳ ׳וואס בין איך מחדש?׳ זעט מען גלייך אז די אלע ספיקות און בלבולים זענען עצת היצר וואס ער וויל מחליש דעת זיין די אלע וואס האבן א כח אויפצוטון און מחזק זיין אידישע קינדער.

שטארק דיר אין מלמדות און אין אלעס וואס דו העלפסט מיר וכו׳, און שטארק דיין ווייב תחי׳ זי זאל ווייטער ממשיך זיין מיט די מיידלעך; אז מען טוט פארן רבי׳ן באקומט מען צוריק זעק מיט ישועות. ובזכות וואס ענקביידע העלפן מיר מיט חינוך הבנים והבנות וועט איר זוכה זיין צו (תהילים קכח, ג): ״אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פֹּרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ, בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ״.

היינט פארטאגס בין איך געווען ביים אוהל אין קווינס ביים ציון פון די ליובאוויטשע רבי׳ס זכרונם לברכה וואו איך האב מתפלל געווען פאר דיר.

**דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.**

...


מיר נעמען אן צו בעביסיטן אייער קינד

רופט אונז אן אויף

845-376-0380

זיך איינצושרייבן אין די פלעי גרופ

פון שטעטל

רופט אונז אן אויף

347-641-3618